# חנוכּה-געלט

פֿון שלום עליכם, מעשׂיות פֿאַר ייִדישע קינדער „פֿאָרווערטס״, ניו-יאָרק, 1944

(איבערגעזעצט אויף כּלל ייִדיש פֿון ד. גורעוויטשן
רעדאַקטירט פֿון ד״ר דזשעניפֿער דאַולינגען)

ז.

מיר גייען ווײַטער נאָך חנוכּה-געלט, צו אונדזער שוועסטער איידל.

אונדזער שוועסטער איידל און איר מאַן שלום-זיידל, עליחם-השלום — זיי זײַנען שוין לאַנג אויף דער אמתער וועלט.

איידל איז פֿון קינדווײַז אויף געווען אַ פֿאַרוויינטע נשמה; איבער אַ מינדסטער נאַרישקייט פֿלעגט זי צעוויינען, פֿאַרגיסן טרערן אויף אייגענע און אויף פֿרעמדע צרות. נאָר פֿון זינט זי איז געוואָרן אַ כּלה פֿאַרשלום-זיידלען, האָט זי ניט אויפֿגעהערט צו וויינען. אפֿשר מיינט איר דערפֿאַר, ווײַל ס׳איז איר ניט געפֿעלן דער חתן? חלילה! זי האָט אים דען געקענט, וואָס ער זאָל איר ניט געפֿעלן? גלאַט אַזוי, אַ כּלה פֿאַר דער חתונה דאַרף וויינען. אַז די שניידערס האָבן איר געבראַכט אָנטעסטן די חתונה-מלבושים, האָט זי זיך צעוויינט אויף אַ גאַנצער נאַכט. שפּעטער, צום פֿאָרשפּיל, אַז אירע חבֿרתּעס זײַנען זיך צונויפֿגעקומען טאַנצן איז זי אַלע מאָל אַוועקגעלאָפֿן צו זיך אין אַלקער אַביסל אויסוויינען זיך אין די קישנס. דעם טאָג פֿון דער חופּה שמועסט מען ניט. דעמאָלט איז געווען איר טאָג. זי האָט נאָר ניט אויפֿגעהערט צו וויינען. נאָר די רעכטע חתונה איז געווען צום „באַדעקנס״, בשעת מנשה פֿידלי דער כּלי-זמר האָט זי גענומען ״באַזעצן״, און רב ברוך בדחן איז אַרויף אויפֿן טיש, צונויפֿגעפֿלעגט די העמט אויפֿן בויך, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ ווי בשעת מע באַוויינט אַ טויטער, און האָט אָפּגעהויבן מיטן שיינעם טרויעריקן נידן, וואָס קען נעמען אַ שטיין, בזה חלשון:

כּלה לעבן! כּלה לעבן!
וויין זשע, וויין.
דײַנע טרערן האָבן אַצינד
דעם זיבעטן חן.
וואָרום דו טוסט דאָך חיצט פֿאַרן בית-דין
של מעלה שטיין.
אָט באַלד וועסטו, מיידל,
צו דער חופּה גיין.
באַדאַרף מען דיר געבן צו פֿאַרשטיין,
אַז דאָס לעבן איז ביטער,
אַזוי ווי כריין;
אַז אַ מענטש איז ניט פֿון אײַזן

און ניט פֿון שטיין,
אַ בשר ודם
פֿון הויט און בײַן:
אַז מען טוט די רשעים אין גיהנום שמײַסן
זײער ניט שײן,
און זײ טוען װײַנען און יאָמערן און שרײַען
אויף די צײן: —
לכן באַדאַרפֿסט דו תּשובה טאָן,
זיך האַלטן זײער קלײן
אויסגײן פֿון טרערן
און פֿון געװײן...
און אַזוי װײַטער, אָן אײן עק.

אַלע װײַבן, אײגענע און פֿרעמדע, װאָס זײַנען געשטאַנען דערבײַ, געהאָלפֿן צעפֿלעכטן דער כּלה אירע שײנע גרויסע צעפּ, האָבן געמאַכט משונה־מאָדנע פּיסקען, געשנײצן די נעזער, געװישן די אויגן, און נעבעך האָט אַזוי געיאַמערט, אַזוי געכליפּעט, אַז זי האָט געחלשט דרײַ מאָל; מע האָט זי קוים מיט צרות אָפּגעט מינטערט.

נאָר אויף װיפֿל אונדזער שװעסטער אײדל איז געװען אײן אומעטיקע זאַך, איז אונדזער שװאָגער שלום־זײדל געװײן אַ פֿרײלעכער יונג, אַ לענעדיקער קאַטאָװעס־טרײַבער, אַ פֿאַרשלעפּטע קרענק, און, לאָז ער מיר מוחל זײַן, אײן אײנגעגעסענער בריאה. דהײַנו, ער פֿלעגט ליב האָבן דערקוטשען, שנאָלן זיך. דערלאַנגען יענעם אַ שנאָל גלײַך אין שפּיץ נאָז, אָדער אין עק אויער — דאָס איז געװען בײַ אים דאָס חיות. נישט אײן מאַל פֿלעגן מיר אַרומגײן, איך און בײַן ברודער מאָטל, מיט אָנגעשװאָלענע אויערן. מיר האָבן זיך ממש מחיה געװען, אַז מיר האָבן דערהערט אַז דאָס פּאָרפֿאָלק איז גײט אַראָפּ פֿון קעסט. דעם טאָג, װאָס זײ האָבן זיך באַדאַרפֿט איבערקלײַבן פֿון אונדז אויף „אײגענע קעסט", איז בײַ אונדז אין שטוב געװען חורבן בית־המקדש. אײדל האָט געװײנט, אײַנגעלײגט די װעלט, און די מאַמע — אויף איר קוקנדיק. און שלום־זײדל, װאָס האָט געהאָלפֿן כּלומרשט פּאַקעװען די זאַכן, האָט נאָר אומגעטאַנצן הין און צוריק, זיך אונטערגעגנבֿעט אַלע מאָל זײער קונציק און דערלאַנגט אונדז אַ שנאָל אָדער פֿון פֿאָרנט אין שפּיץ נאָז, אָדער פֿון הינטער אין עק אויערן. ער הט זיך מיט אונדז אָפּגעזעגנט אײן מאָל פֿאַר אַלע מאָל און האָט נאָך געהאַט העזע אָנצוזאָגן אונדז, מיר זאָלן זיך ניט לאַנג בעטן און זײַן בײַ אים אָפּטע געסט! מיר האָבן זיך געגעבן דאָס װאָרט מיר זאָלן זײַן פּנים ניט אָנקוקן!

נאָר אַ מענטש פֿאַרגעסט אַלצדינג, און בפֿרט אַ שנאָל. װי אַזוי גײט מען ניט נאָך חנוכּה־געלט צו אײן אײגענער שװעסטער?....

געקומען צו אײדלען, גײט אונדז שלום־זײדל אַקעגן מיט אַ גאַנץ ברײטן ברוך־הבא.

— סקאָצל קומט! וואָס מאַכט איר גוטס? זייער קלוג האָט איר געטאָן, וואָס איר זײַנען געקומען. איך האָב צוגעגרייט פֿון אײַערטוועגן חנוכּה-געלט! און שלום-זיידל נעמט אַרויס דאָס בייטעלע און צאָלט אונדז אויס צו עטלעכע נײַעקע, גלאַנצנדיקע, זילבערנע מאַטבעות גלײַך אין הענט אַרײַן, און איידער מיר האָבן צײַט אַרומקוקן זיך און איבערקוקן די נײַע מטבעות, כאַפּן מיר שוין צו עטלעכע שנאָל, פֿריער איך אין שפּיץ נאָז און מאָטל אין עק אויער, און נאָכדעם מאַטלען אין שפּיץ נאָז און איך אין עק אויער.

— אָבער לאָז שוין זײַן גענוג צו מוטשען קינדער! — בעט זיך נעבעך ביי אים אונדזער שוועסטער איידל מיט טרערן אין די אויגן, און רופֿט אונדז אָן אויף אַ זײַט, שטופּט אונדז פֿולע קעשענעס מיט לעקעך, מיט ניסילעך און מיט באָקסערן, און שטעקט אונדז אַ חוץ חנוכּה-געלט.

מיר כאַפּן די פֿיס אויף די פּלייצעס און לויפֿן אַבײַם.